בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וישלח תשע"ח

גליון 434 [שנה י']

**פארוואס שטייט נישט ויש לי שור וחמור**

וַיְהִי־לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר: (לב ו) אויב יעקב וויל מפייס זיין עשו אויב אזוי לכאורה וואלט געדארפט שטיין וְיֵשׁ לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר, דאס מיינט איך האב יעצט נאר די זאכן, פארוואס שטייט וַיְהִי־לִי וואס מיינט איך האב געהאט? נאר עס שטייט אין חז"ל (ספר הישר) געברעגט אין ספר פני דוד אות כ פון הייליגן חיד"א אז נאכדעם וואס דער אויבערשטער האט זיך אנטפלעקט צו לבן און וַיֹּאמֶר לוֹ און האט אים געווארענט הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תְּדַבֵּר עִם־יַעֲקֹב מִטּוֹב עַד־רָע: (לא כד) זאלסט נישט רעדן מיט יעקב נישט גוט און נישט שלעכט'ס, האט לבן געפאלגט אבער ער איז געגאנגען צו עשו און געזאגט אז יעקב האט אים באגנבעט און איז אנטלאפן מיט זיין גזילה, און געבעטן פון עשו ער זאל צו נעמען פון יעקב די גזילה, דעריבער ווען יעקב האט דאס געשפירט האט ער געזאגט וַיְהִי־לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר בעס איז אמת אז איך האב אמאל געהאט אסאך שׁוֹר וַחֲמוֹר נאר לבן האט דאס אלעס געגנבעט פון מיר און דאס וואס ער האט דיר געזאגט זאלסט צו נעמען פון מיר די גזילה, איז באמת ער לבן איז דער גנב וואס שרייט מען זאל נאכלויפן יענעם ווייל יענע איז דער גנב און אזוי קען דער גנב זיך אנטלויפן. אבער דער אמת זאגט יעקב איך האב נישט געגנבעט גארנישט. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב) שרייבט דער צדיק פון רעננה אין זיין ספר: והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו במפר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא דער מחבר פון ספר בן לאשרי זאגט צו ישועות פאר ווער עס וועט לערנען זיין תורה און דאס איבערזאגן.

**יעקב איז געגאנגען תפילין בלילה אסור להניח תפילין בלילה!**

וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד עֲלוֹת הַשָּׁחַר: (לב כה) שטייט אין ספר ראשית חכמה (שער הקדושה פרק ו) פון דער תנא דבי אליהו: רָצָה –הַשַּׂר– לְהָרְגוֹ וְלֹא הָיָה בוֹ כֹּחַ מפני שֶׁיַּעֲקֹב אָבִינוּ הָיָה מְזוּיָּן תפילין בְּרֹאשׁוֹ וּבִזְרוֹעֵי וציצית בְּבִגְדוֹ, ווייל דער שר האט געזען ווי יעקב איז אנגעטאן ציצית און תפילין דאס מיינט וַיַּרְא, דעריבער כִּי לֹא יָכֹל לוֹ וגו'(לב כז). האט דער שר נישט געקענט הרגנען יעקב. לכאורה איז שווער ווי אזוי האט יעקב געגאנגען תפילין ביינאכט ווען עס איז געפסקנט אין שו"ע (או"ח סי' ל' סעיף ב) אסור להניח תפילין בלילה שֶׁמָּא יִשְׁכָּחֵם וְיִישַׁן בָּהֶם. ווייל מען וועט פארגעסן און מען וועט איינשלאפן מיט די תפילין און דאס איז אסור וועגן היסח הדעת! נאר מען קען ענטפערן אז עס איז דא א היתר אויב מען האט דאס אנגעטאן בייטאג מעג מען עס גיין ווייטער ביינאכט בדיעבד אבער דאס אנטאן בלילה איז אסור, קען מען זאגן אז יעקב האט די תפילין אנגעטאן בייטאג מעג ער דאס לאזן, אבער דאס איז נאר גוט אויף בדיעבד! אבער מען קען פארענטפערן יעקב ווייל מען איז מסביר די הלכה פון אסור להניח תפילין בלילה, דאס איז דוקא ביי סתם א מענטש וואס מען האט מורא אז ער וועט איינשלאפן מיטן תפילין אבער רש"י ברענגט אויפן פסוק וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא: (בראשית כח יא) "הַהוּא" איז א מיעוט אז דוקא דארטן אין יענע פלאץ איז ער געשלאפן ביינאכט, אבער די יארן פון ישיבת שם ועבר איז ער נישט געשלאפן, און אזוי שטייט אין מדרש (בראשית רבה סח יא) כָּאן שָׁכַב אֲבָל כָּל עֶשְׂרִים שָׁנָה שֶׁעָמַד בְּבֵיתוֹ שֶׁל לָבָן לֹא שָׁכַב, ממילא זעט מען קלאר אז יעקב האט זיך געקענט מתגבר זיין אויף זיין שלאף אסאך יארן, ממילא האט יעקב געמעגט גיין מיט תפילין ביינאכט ווייל מיר זענען נישט חושש אז ער וועט איינשלאפן. וועגן דעם איז ער געגאנגען תפילין ביינאכט און זיי זענען געווען א שמירה פאר אים פון די שר של עשו און פון אנדערע שלעכט'ס. (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטטערסדארף זצוק"ל)

**פארוואס האט יעקב געלייגט די בני השפחות אין א סכנה?**

וַיָּשֶׂם אֶת הַשְּׁפָחוֹת וְאֶת יַלְדֵיהֶן רִאשֹׁנָה וְאֶת לֵאָה וִילָדֶיהָ אַחֲרֹנִים: (לג ב) זאגט רש"י "אַחְרוֹן אַחְרוֹן חָבִיב". קומט אויס אז יעקב האט געשטעלט די שפחות און זייערע קינדער ערשט און זיי געלייגט אין א סכנה ווייל זיי זענען געווען ווייניגער באליבט צו אים, און אויב עֵשָׂו וועט שלאגן וועט ער זיי שלאגן כדי ראטעווען די קינדער וואס איז געווען באליבט ביי אים, דאס איז א פלא אויף יעקב? נאר יעקב איז געגאנגען מיט חכמה ווייל עס שטייט "וְהָאֱלֹקִים יְבַקֵּשׁ אֶת נִרְדָּף:" (קהלת ג טו) דאס מיינט אז דער אויבערשטער היט דער וואס מען טשעפעט און מען פארשעמט און ער ראטעוועט זיי פון די וואס טשעפן זיי און פון אלע שלעכט'ס, יעצט די שפחות און זייערע קינדער האט מען געטשעפעט און פארשעמט און זיי גערופען קנעכט, ממילא האט יעקב געוואוסט אז דער אויבערשטער וועט זיי ראטעווען דעריבער האט ער זיי געשטעלט די ערשטע, און אזוי וועלן אלע ווערן געראטעוועט. (דברי יחזקאל שינאווא רב)

**פארוואס זארגט זיך יעקב נאר די צאן וועלן שטארבן?**

וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲדֹנִי יֹדֵעַ כִּי הַיְלָדִים רַכִּים וְהַצֹּאן וְהַבָּקָר עָלוֹת עָלָי וּדְפָקוּם יוֹם אֶחָד וָמֵתוּ כָּל־הַצֹּאן: (לג יג) דארף מען פארשטיין אז יעקב איז כולל אין אנהייב די ילדים צוזאמען מיט די צאן ווייל ער זאגט כִּי הַיְלָדִים רַכִּים וְהַצֹּאן וְהַבָּקָר, איז פארוואס זארגט זיך יעקב נאר אויף די צאן וואס ער זאגט וָמֵתוּ כָּל־הַצֹּאן און זארגט נישט אויף די ילדים? נאר מען קען ענטפערן אז עס שטייט לְעוֹלָם אַל יִפְתַּח אָדָם פִּיו לְשָׂטָן (ברכות דף יט) מען זאל נישט ארויסרעדן א שלעכטע זאך פון מויל ווייל עס קען חלילה זיין אז די שטן וועט טאן די שלעכטע זאך, דעריבער האט יעקב נישט ארויס געזאגט א שלעכטע ווארט וועגן די קינדער און נאר אויף די צאן. מען קען אבער אויך זאגן אז יעקב האט געזאגט כִּי הַיְלָדִים רַכִּים זיי זענען שוואך און זיי דארפן דאך האבן פלייש צו עסן כדי זיך צו דערהאלטן ביי די כוחות און אויב די צאן וועלן שטארבן וועלן די קינדער נישט האבן פון וואס צו עסן. (ראיתי)

## מדור העובדות

### ר' מאיר מפרימישלאן זצוק"ל שאפט הכנסת כלה אויף א פלא'דיגן וועג מיט זיינע אפענע אויגן

עס האט געוואוינט לעבן שטאט פרימישלאן א איד, ר' יצחק, וואס ער איז געווען א גרויסער ארימאן אבער שטענדיג איז געווען א צופרידינער פול מיט בטחון אין איבערשטן. מיט די צייט האבן די קינדער אויפגעוואקסן און די צייט צו טאן א שידוך מיט זיין טאכטער איז אנגעקומען, די קינדער זיינער זענען געווען זייער

גראטענע און מען האט אים גערעדט א פיינער בחור וואס מען דארף צושטעלן א נדן, ר' יצחק האט געלעבט מיט פול אמונה און בטחון און האט צוגעזאגט דעם נדן און מען האט באשטימט א צייט אויף די חתונה.

די טעג לויפן שנעל און די טעג פון די חתונה דערנענטערן זיך, ר' יצחק זוכט עצות אבער ער זעט נישט קיין וועג ארויס, ער איז נישט געווען פון די חסידים, אבער ער האט אז א צדיק האט א וועג צו עפענען אלע טויערן פון שפע דורך זיינע תפילות האט ער מחליט געווען אז ער פארט קיין פרימישלאן צום הייליגן צדיק ר' מאיר'ל וואס איז באוואוסט פאר א פועל ישועות, ער איז אריין צו ר' מאיר'ל וואס נעמט אים אויף ווארעם און הערט אויס ר' יצחק'ס בקשה, ר' מאיר'ל באוואונדערט די רוהיגקייט און בטחון פון ר' יצחק און נעמט זיך טראכטן א עצה, ווען דער רבי רופט זיך אן און פרעגט ר' יצחק אפשר פארמאגט ער "א פראטיטשקע" - א אייזענער נאדעל וואס רייניגט א פייפקע-? ר' יצחק ענטפערט אז ער רייכערט נישט קיין פייפקע! זאגט אים ר' מאיר'ל גיי שאפ מיר א פראטיטשקע און אויב נישט קום נישט צוריק צו מיר איך קען דיר נישט געבן א עצה! ר' יצחק ווערט א פארלוירענער, און פארשטייט נישט וואס האט א פראטיטשקע צו טאן מיט זיין ישועה!

אבער ר' יצחק וואס האט געהאט אמונת ה' האט אויך געהאט אמונת צדיקים און ענטפערט פאר ר' מאיר'ל, "אוודאי איך וועל איבערקערן וועלטן און פארשאפן פארן רבין א פראטיטשקע"! גוט, זאגט ר' מאיר'ל, ר' יצחק פארלאזט דעם רבי'נס שטוב מיט א זריזות און גייט זוכן וואו ער קען פארשאפן אזא נאדעל פארן רבין פון פון איין פלאץ צום אנדערן ביז האט ער אנגעקומען צום ריכטיגן פלאץ און ער גייט אריין אין א שטוב וואו ער זעט א אלטע גוי א אייזן שמידט זיצט און פרעגט וואס ער דארף און ר' יצחק ענטפערט אז ער דארף א פראטיטשקע, זאגט אים דער גוי ער קען דאס מאכן אבער עס איז טייערע זאך, ווייל די אופן ווי מען מאכט דאס איז זייער שווער, ר' יצחק הייסט דער גוי דאס מאכן.

ר' יצחק האט געטראפן חן ביי דעם גוי און ער האט אים געבעטן בלייבן ביי אים ביז ער ענדיגט די ארבעט און דערווייל האבן זיי זיך אריין אין א געשפראך פרעגענדיג איינעם אויף דער אנדערן, און ווען ר' יצחק פרעגט דעם אלטער גוי אויף זיין משפחה האט ער געענטפערט ער איז אליין אויף דער וועלט, פרעגט אים ר' יצחק וואו לייגט ער זיין געלט? האט דער גוי געענטפערט קום מיט מיר איך וועל דיר ווייזן און ער דעקט אויף א פאס צווישן די פעסער פון ווין וואס דארטן ליגט זיין אוצר פון וואס ער האט געארבעט זיין גאנצן לעבן. פרעגט אים ר' יצחק וואס קלערט ער צו טאן מיטן אוצר? ענטפערט דער גוי אז ער וויל שוין אויפהערן צו ארבעטן און פארמאכן זיין געשעפט און נוצן די געלט ארומפארן די וועלט און לעבן פון דעם ביז ער וועט שטארבן. ווען די נאדעל איז געווארן פארטיג האט דער גוי געזאגט פאר ר' יצחק אז ער דארף נישט די געלט יעצט און ער קען אים צאלן ווען ער וועט האבן, ר' יצחק דאנקט דעם גוי און וויל שוין גיין צו ר' מאיר'ל און אים געבן דעם פראטיטשקע,

אבער ער וועט ערשטוינט ווען ער קומט אן צום רבין און דער גבאי קומט ארויס פון רבין און זאגט אים אז ער קען אים נישט אויפנעמען יעצט זאל ער קומען מארגן אפשר וועט ער אים דעמאלט'ס אן נעמען! ר' יצחק פארלירט זיך נישט און גייט ארויס זוכן א אכסניא ביז מארגן און אזוי דרייט ער זיך אין די נאכמיטאג שעות זוכן א פלאץ ווען ער הערט ווי איינער פויקט, וואס דאס איז געווען א סימן אז ער האט עפעס וויכטיג איבערצוגעבן און אלע פלעגן צוזאם קומען הערן וואס דער פויקער האט צו דערציילן, דער פויקער האט מודיע געווען אז היות אז אין עק פון שטאט האט געוואוינט א אייזן שמיד וואס איז היינט געשטארבן און האט קיינעם נישט איבערגעלאזט און ווי עס זעט אויס איז ער געווען א ארימאן, ממילא וועט זיין א ליציטאצי' -אוקשן- אויף זיין הויז און כלים און פון די געלט וועט מען האבן פאר אים א בכבוד'יגן קבורה.

ר' יצחק הויבט זיינע אויגן: אשא עיני אל ה', מיט א שבח והודאה, וואס דער אויבערשטער האט אים געפירט צום גוי און האט נושא חן געווען ביי אים און אים אנטפלעגט זיין אוצר וואס איז געווען באהאלטן פון די וועלט! ר' יצחק שלאפט נישט יענער נאכט און גייט אפזוכן באקאנטע אידן וואס קענען אים בארגן די געלט אויף א פאר טעג כדי קויפן דעם הויז, און ווען ער האט געשאפט א שיינע סומא געלט איז ער געקומען צו די ליציטאצי' וואס דארטן האבן זיך אויך געזאמעלט מענטשן וואס האבן געוואלט כאפן א מציאה, אבער ר' יצחק ווייסט דאך וואס זיי ווייסן נישט, און טרייבט ארויף א פרייז וואס די גויים האבן געוואונדערט און גאר רחמנות געהאט אויף ר' יצחק וואס וויל צאלן אזא הויכע פרייז פאר א אלטע פארלאזטע געשעפט און הויז, און זיי האבן אים דאס געלאזט קויפן, ר' יצחק האט געהאט ביי זיך גענוג געלט און גלייך באצאלט פארן שטאט'ס הויפט און באקומען דעם שליססעל פון הויז.

ר' יצחק גיט א שבח והודאה פארן אויבערשטן און יעצט זעט ער קלאר די הייליגער כוונה פון ר' מאיר'ל וואס האט אים געהייסן שאפן די פראטיטשקע און נישט אריינגעלאזט ביי אים! מיט א פרייליכער הארץ גייט ר' יצחק אריין אין שטוב פון גוי און גייט גלייך זוכן צווישן די פעסער פונקט ווי דער גוי האט אים געוויזן און מיט א רוהיגקייט עפענט ער יענע פאס, און אהא! דער אוצר איז נאך דא, הודו לה' כי טוב!!! ר' יצחק האט גענומען ציילן די געלט און גאלד און זילבער פון אוצר וואס דאס איז געווען א פארמעגן און גענוג אויף חתונה מאכן אלע זיינע קינדער, און ר' יצחק נעמט ארויס וויפיל פון אוצר וואס ער האט געבארגט פון זיינע באקאנטע און זיי געברענגט דאס געלט, און דערנאך איז ער אריבער צום הויז פון ר' מאיר'ל וואס יעצט האט אים שוין דער רבי געווארט פאר אים און ער גיט ר' יצחק א ברייטן שלום עליכם און פרעגט אים צו ער האט געברענגט דעם פראטיטשקע?

ר' יצחק ווייסט קלאר יעצט אז דער רבי האט נישט גענדארפט דעם נאדעל פארן פייפקע און דאס איז געווען אלעס כדי ער זאל באקומען דעם אוצר! און ר' יצחק נעמט דערציילן דעם רבין די ישועת ה', דער רבי האט זיך געפריידט און געוואונטשן ער זאל אהיימגיין לחיים ולשלום, ר' יצחק איז געגאנגען דינגען א בכבודיגן וואגן און ארויף געלייגט אין וואגן די אלע פעסער ווין פון גוי אז קיינער זאל נישט כאפן אז ער האט אן אוצר און איז אהיים געקומען בשלום און דערציילט זיין בני בית די ישועת ה', ר' יצחק האט אריינגעגעבן די נדן און מען האט געשטימט א טאג פאר די חתונה,

ר' יצחק איז געווארן פון א עני ואביון צו א גרויסן עושר וואס האט געהאט א לב טוב און געטאן גרויסע חסדים מיט אידן, דער הויז אין פרימישלאן פון גוי האט ר' יצחק געמאכט א הכנסת אורחים שטיבל און אזוי האבן אידן וואס זענען געקומען צום רבין ר' מאיר'ל געהאט וואו צו זיין און ר' יצחק איז געווארן א נאנטע חסיד פון ר' מאיר'ל און געהאלפן מיט אסאך געלט זיע"א


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר"א נדיר מאוד $3000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $5000 שו"ת חת"ם סופר ב' כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר' יעקב הורוביץ ור' אלעזר הורוביץ $2000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל צוזאמען מיט עובדי' יוסף און נאך, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין ר' משה צבי פון פילאדעלפיה $2000


דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז


**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***